יחיאל פיינער ● **טריאלעט** ● שמואל נאדלער'ן

# טריאלעט

אין גאלדענעם פריהלינג האט מיין הארץ מיר אויך פאנטאזיעס געשפינען. און אזוי האפערדיג געטרילט, ווי אין זומער א פויגעלע צווישען צווייגען.

איצט, אין גליווערדיגען הערבסט, וועבט מיר מיין הארץ נישט מעהר חלומות און טרוימען שטיל בין איך..: איינזאם בין איך... און אזוי ארום...

מיין וועלט איז א בית-עלמין, דארט ליגען מיינע האפנונגען פארשאטען ווי זומער-גאלד פון הערבסט אונטער בלעטער-קברים.

ס'האט אין גאלדענעם פריהלינג מיין הארץ מיר קראנקע פאנטאזיעס געשפינען, אזוי האפערדיג געטרילט, ווי אין זומער א פויגעלע צווישען צווייגען.

איצט, קרענקט עס — מיין הארץ, אין טרויער פון אנקומענדיגען הערבסט, און געהט-אויס אזוי שטיל, ווי איינזאמע בלומען וואס שטארבען און שווייגען..

ס'רויזלען זיך נישט מעהר מיינע שיינע ליפען, ס'גלאנצען נישט מעהר מיינע בלויע אויגען, ווי עס גלאנצט אין זומער דער קופאל אויפ'ן הויך פון א טורעם.

ס'האט אין פריהלינג מיין הארץ מיר אויך גאלדענע פאנטאזיעס געשפינען, אזוי האפערדיג געטרילט, ווי אין זומער א פויגעלע צווישען צווייגען.

איצט, אין קאלטען הערבסט, וועבט שוין נישט מעהר מיין הארץ חלומות און טרוימען, שטיל בין איך... איינזאם בין איך... און אזוי ארים...

---

דוד אפטייקער

# הערבסט אין שטעדטעל!

ס'איז אוועק דער זומער, ס'גיסט שוין ווייטער שטעדטעל
פונקט ווי פאראיאהרן שטארבסט שוין ווידער אב
(אזוי יאהר נאך יאהר, לעבסט אויף און שטארבסט
ווי די נאטור...)

איצט ביי דיר טרויעריג, די הימלען פארנעפעלט
דיין גרינער לבוש געל געווארן איז...
אבער דאך, פארמאגסטו נאך א ביסל צויבער און חן
א רעשטעל, שיריים פון דער זומער-פראכט

אבער איך דאס ביסל וועסטו באלד פארלירן!..
שמעקסט שוין נישט אזוי — ביסט אויסגעוועפט געווארן
ווי א רויז וואס בליהט אב, הויבט אן צו וועלקן!..
א שטעדטעל מיינס! אבגעבליהטע רויז!..

דיינע גראהע אווענדן שמעקן שוין מיט ווינטער
קיהל, פראסטיג, אזש א ציטער כאפט ארום א מענש!..
נאר אין קלויז איז ווארים, ס'הערשט א רעש א געדרידער
און ס'האט די קלויז אפנים, ווי א שטעדטעל בתוך שטעדטעל!

וואס וויל נישט ווערן שטיל, אפילו אין די חשון'דיגע נעכט
ווען ארום איז אומעטיג רוהיג און ס'הערשט א מרה שחורה!
איצט מוז איך דיך פארלאזן, בלאטיג שטעדטעל מיינס!
און פאהרן אין דער גרויסער, רוישענדער שטאדט,
וואס וואכט אויף ווען דו ווערסט פארשלאפן!

---

אליעזר שינדלער

# צעירים-וואנדער-געזאנג

חבר! צעיר!
ווער נישט מיד.
פרייליך זינג
דיין וואנדער-ליד.

מיט דער תורה
אין דער האנד
מוטיג, גיי,
פון לאנד צו לאנד

שרעק זיך נישט
פאר פייער, שווערד;
שרעק זיך נישט
פאר פרעמדע ערד.

פעסטער, ברודער,
גיי דיין וועג!
ביז צום לעצטן
פון די טעג..